בעז"ה

# שיעור דעת

## ~חודש תמוז~

### ע"י מרן ראש הישיבה שליט"א

**בענין: אמונה ובטחון**

נמסר יום ו' פרשת קרח תשע"ו לפ"ק

ישיבת מרן הגאון רבי מרדכי הכהן בעק שליט"א

תפארת משה

# שיעור דעת ו' קורח

עס איז דא די באקאנטע עיקר, אז דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט, איז נישט אז דער אייבישטער האט סתם באשאפן און איבער געלאזט, די מציאות איז א מציאות פאר זיך. און מכאן תשובת המינים, זאגט דער תניא אין שער היחוד והאמונה (פרק ב'): "מכאן תשובת המינים וגילוי שורש טעותם, הכופרים בהשגחה פרטית ובאותות ומופתי התורה, שטועים בדמיונם הכוזב שמדמין מעשה ה' עושה שמים וארץ למעשה אנוש ותחבולותיו".

אז עס דאכט זיך זיי, אפילו איך רעד פון מאמינים וואס זיי גלייבן אז דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט, אבער אותות ומופתים איז ביי זיי א שווערע זאך. פארוואס? ווייל זיי האלטן אז דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט איז עס באשאפן געווארן, אזוי ווי א אומן מאכט א כלי, האט ער גארנישט קיין שייכות מיט דעם מער, ער מאכט א טיש, אז דער אומן וועט שטארבן, דער טיש בלייבט.

"כאשר יצא לצורף כלי, שוב אין הכלי צריך לידי הצורף, כי אף שידיו מסולקות הימנו והולך לו בשוק, הכלי קיים בתבניתו וצלמו ממש. כך מדמין הסכלים האלו מעשה שמים וארץ. אך טח מראות עיניהם ההבדל הגדול שבין מעשה אנוש ותחבולותיו, שהוא יש מיש". אז א מענטש מאכט א טיש האט ער דאך מאטריאל וואס נישט ער האט געמאכט, גענומען העלצער, גענומען אייזן, וואס ער האט גענומען. ער האט דאס צאמגעשטעלט, און דאס איז געבליבן. "רק שמשנה הצורה והתמונה מתמונת חתיכת כסף, לתמונת כלי".

"למעשה שמים וארץ שהוא יש מאין". אז דער אייבשיטער האט באשאפן די וועלט האט ער דאך באשאפן יש מאין, "והוא פלא גדול יותר מקריעת ים סוף", קריעת ים סוף, צו מאכן יש מאין דאס איז די גרעסטע פלא וואס איז דא, א גרעסערע פלא ווי קריעת ים סוף. קריעת ים סוף פארשטייט מען דאך אז "הוליך ה' את הים ברוח קדים עזה כל הלילה" ער האט געבלאזן א שטארקן ווינט, און דאס האט געהאלטן עס זאל זיין נצבו כמו נד. דער אייבישטער האט אפגעלאזט דעם ווינט פאלט דאס צוריק אראפ. פארשטייט יעדער איינער. יש מאין איז אסאך אסאך א גרעסערע טיפערע זאך, אז דער אייבישטער האט באשאפן יש מאין, איז אז דער אייבישטער נעמט אוועק איז אויס, עס איז נישט קיים.

אינטרעסאנט, דער אבני נזר שטעלט זיך אויף א פלאץ, פארוואס די גמרא זאגט אז פרסומי ניסא איז עדיף, און נר חנוכה און קידוש היום איז נר חנוכה עדיף ווייל עס איז משום פרסומי ניסא. שלום בית איז עדיף, אבער פרסומי ניסא איז מער ווי קידוש היום. פרעגט דער אבני נזר אז קידוש היום איז דאך אויף מעשה בראשית, מעשה בראשית איז די גרעסטע פלא, איז דאך אויכעט פרסומי ניסא, איז פארוואס איז פרסומי ניסא עדיף.

פשוט איז די פשט אז פרסומי ניסא וואס אונז האבן געזען, עס איז מפרסם דעם נס ביי אונז. מעשה בראשית, אויף דעם שטייט 'אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים', איינע פון די טעמים שטייט נישט אשר בראתיך, ווייל בריאת עולם איז מען גלייבט אזוי, און עס איז דא ראיות אזוי, אבער מען האט דאס נישט געזען. מה שאין כן יציאת מצרים, איז דאך בעינינו ראינו יציאת מצרים. פאר די ניסים פון חנוכה, איז מאמת, אז מען איז מפרסם דעם נס ברענגט דאס אריין אמונה. מה שאין כן דא, אודאי איז די גרעסטע נס, אבער עס איז נישט מפרסם, עס איז נישט מפורסם.

אבער על כל פנים די גרעסטע נס איז יש מאין. יש מאין איז דאך א זאך וואס מען קען נישט פארשטיין בשכל האנושי. במילא איז איין מאל אז דער אייבישטער לאזט אפ חס ושלום די בריאה איז חוזר לאפס ואין.

די יסוד, דער בית הלוי (פרשת בראשית) איז אויך מאריך אין דעם יסוד, אינטרעסאנט ער ברענגט צו דעם מדרש וואס אלע ברענגען צו פון בעל שם טוב און עס איז א מדרש, אסאך זאכן אזוי: "במדרש תהלים אמרו על פסוק 'לעולם ה' דברך נצב בשמים', דהדיבור שאמר הקב"ה 'יהי רקיע' הוא עומד ומהוה להרקיע", עס האלט היינט דעם הימל, דברך נצב בשמים, די ווערטער יהי רקיע דאס איז מקיים דעם הימל כסדר. דער אייבישטער דארף מקיים זיין די גאנצע צייט. 'ואתה מחיה את כולם', זאגט די מדרש אל תקרי מחיה אלא מהוה את כולם. דער אייבישטער האלט אויף די וועלט א גאנצע צייט.

זאגט ער אויף דעם א פסוק 'המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית כאמור לעושה אורים גדולים', וואס הייסט 'לעושה', עשה אורים גדולים, וואס הייסט 'לעושה', 'כי לעולם חסדו' כסדר דער אייבישטער מאכט דאס איבער, עס איז כסדר 'מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית', דער אייבישטער איז עס מהוה יעדע רגע ורגע, איז עס דער אייבישטער מהוה.

זאגט ער א געוואלדיגע ווארט דער בית הלוי, אז שבת דאס איז די זאך וואס איז א זכר, וואס שבת דארף אונז תובע זיין. ער זאגט אז די ענין פון שביתה ביי הקב"ה מיינט נישט שביתה – שביתה, ווייל דער אייבישטער האלט דאך אויף די וועלט א גאנצע צייט, נאר דער אייבישטער האט נישט באשאפן קיין נייע זאך. אין ששת ימי בראשית האט דער אייבישטער באשאפן נייע זאכן, יעצט פירט דער אייבישטער די וועלט מיט די הנהגה, דאס האט זיך אנגעהויבן שבת. די הנהגה וואס דער אייבישטער איז מהוה יעדע רגע, נישט קיין נייע זאכן נאר א אלטע זאך, די זאך איז שבת, זאגט ער.

דאס איז פשט אז 'נתעלה וישב על כסא כבודו', ביז דעמאלס האט דער אייבישטער געמאכט די בריאה, און דעמאלס איז 'נתעלה וישב על כסא כבודו' אז ער פירט די בריאה, אז ער איז מנהיג די בריאה. דאס איז א מידה פון מלכות. ער ברענגט אויף דעם אסאך זאכן, מדרשים.

דאס איז אלע ברכות וואס מען מאכט, 'בורא פרי העץ', אלץ זאגט מען מיט א לשון הווה, 'בורא מאורי האש', ברא מאורי האש', וואס עפעס 'בורא'? א גאנצע צייט, דער אייבישטער באשאפט א יעדע רגע, האלט דער אייבישטער אויף. ער ברענגט א לשון [ישעיה לא, ג] 'וה' יטה ידו' דער אייבישטער נעמט אוועק די האנט 'וכשל עוזר ונפל עזור', אלץ צופאלט.

די אמת איז, דער מפרש לערנט אזוי אריין אין רמב"ם, וואס שטייט אין רמב"ם, די לשון הרמב"ם איז אויך אביסל אזוי [הלכות יסודי התורה א, א]: "יסוד היסודות" די ערשטע זאך זאגט ער "ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון והוא ממציא כל נמצא", ער זאגט נישט 'המציא', והוא ממציא כל נמצא. ער זאגט שפעטער [א, ג]: "ואם יעלה על הדעת שאין כל הנמצאים מלבדו מצויים, הוא לבדו יהיה מצוי ולא יבטל הוא לבטולם", אויב זיי ווערן בטל חס ושלום איז דער אייבישטער נישט תלוי אין זיי, זאגט ער אז די פשט איז פארקערט יא, אז אלע נבראים קענען נישט האבן קיין קיום נאר דורכן אייבערשטן, און דער אייבישטער ...

דאס איז פשט וואס עס שטייט אין פסוק [המשך דברי הרמב"ם א, ד]: "הוא שהנביא אומר 'וה' אלהים אמת', הוא לבדו האמת ואין לאחר אמת כאמתתו", וואס הייסט? "והוא שהתורה אומרת" דאס איז טייטש פון די ווערטער פון "אין עוד מלבדו, כלומר אין שם מצוי אמת מלבדו כמותו". אין עוד מלבדו, וואס הייסט עס איז נישט דא קיין עוד, עס איז דא א שמים און עס איז דא א ארץ, עס איז נישט קיין דמיון, דער אייבישטער האט עס באשאפן, די אלע זאכן זענען דא, אז דער אייבישטער האט זיי באשאפן זענען זיי דא, וואס הייסט 'אין עוד מלבדו'? אין עוד מלבדו עס איז נישט דא קיין צווייטער גאט, דער לשון אין עוד מלבדו איז טייטש, דער רמב"ם טייטשט אז אין עוד מלבדו עס איז גארנישט דא נאר דער אייבישטער. וואס הייסט עס איז גארנישט דא? עס איז דאך יא דא, אבער דאס איז אלץ דער אייבישטער, אז וויבאלד עס האט נישט בעצם קיין קיום נאר דורך הקב"ה, איז נישט דא קיין אנדערע זאך, נאר דער אייבישטער. עס איז דא, אבער דער אייבישטער מאכט דאס, אבער דאס הייסט אין עוד מלבדו.

איז דער תניא זאגט דא אז דאס איז די זאך וואס נעמט אוועק די טעות פון אותות ומופתים, א חידוש פון אותות ומופתים? אז אלץ איז כגרזן ביד החוצב, און השגחה פרטית. דאס ווערט דאך א פשוט'ע זאך, השגחה פרטית. אז דער אייבישטער באשאפט דאס יעדע רגע, פארשטייט זיך אז עס איז דא השגחה פרטית. דער אייבישטער איז מהוה יעדן ברעקל וואס איז דא אין די בריאה, האלט דער אייבישטער אויף יעדע רגע און ער איז עס מהוה, איז ער עס מהוה מיט א חשבון. דאס אליינס איז דאך אין לך השגחה פרטית גדולה מזו, נישט נאר ער איז משגיח דערויף, ער באשאפט דאס. אז ער באשאפט דאס איז דאך דא א השגחה.

אף על פי כן, קען מען פארשטיין אז דער אייבישטער באשאפט טאקע יעדע רגע, אבער עס איז דא חוקי שמים וארץ. עס איז דאך דא א טבע, א מהלך, יעדע זאך האט זיך זיין טבע. די חכמי הטבע, היינט איז פארגעשריטן נאך מער, ווייסן יעדע זאך ווי אזוי דאס ארבעט, מיט א קריסערטי, עס איז דא אנדערע זאכן, עס איז זייער אנטוויקלט די אלע חוקי הטבע וואס איז דא, איז א שטארקע אנטוויקלטע זאך. עס איז מסתמא דא נאך אסאך מער וואס איז באהאלטן, וואס ווערט אלץ מער און מער נתגלה. אבער עס איז דא זייער אסאך וואס מען זעט חוקי הטבע. חוקות פון ווארפן א זאך, יעדע זאך, פון קערנדלס, יעדע זאך האט זיך זיין חוק, יעדע זאך האט זיך זיין מהלך. די בריאה האט זיך זיין מהלך, מיט די זון מיט די לבנה מיט אלעם האט זיך זיין מהלך. און עס גייט אויף דעם זעלבן חשבון, אויף דעם סיסטעם.

אונז ווייסן מיר אז דער אייבישטער האט עס באשאפן, און דער אייבישטער איז דאס מהוה, אבער ער איז דאס מהוה מיט א געוויסן חוק, מיט א געוויסן פלאן, וואס דער אייבישטער ... נישט אפ פון דעם. אודאי אמאל געשעט אז דער אייבישטער מישט זיך אריין. ביי יציאת מצרים

זאגט דער אייבישטער, *שמש בגבעון דום*, בלייב שטיין, יעצט דארף זיין קריעת ים סוף, יעצט דארף זיין צפרדע, דם. אבער בדרך כלל לויפט עס מיט א חשבון, מיט א חוק. דער אייבישטער איז עס מהוה, אבער ער איז עס מהוה מיט א מהלך.

דאס אז יעדע פרט גייט צו מיט א חשבון, ווייל איך זאג יענקל'ען טוהן גוט און משה'ן טוהן גוט, דאס האט לכאורה נישט מיט קיין טבע צו טוהן. זאגט דער רמב"ן אז עס איז נישט אזוי. אין די תורה שטייט עס כסדר, 'אם בחוקותי תלכו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם', די גאנצע תורה איז פיל מיט די זאך. די אמהות זאגן 'ותקרא שמו ראובן כי ראה ה' בעניי', 'ותקרא שמו שמעון', יעדע זאך 'כי שמע ה' כי שנואה אנכי', און 'דנני אלקים וגם שמע בקולי', 'נפתולי אלקים נפתלתי', יעדע רגע וואס מען זעט אין די תורה, און וואס מען איז מתפלל, רפאנו, מען איז מתפלל אויף פרנסה, מען איז מתפלל אויף אלע מיני סארט זאכן, איז עס גייט דאך אויף א מהלך, עס האט זיך זיין סיסטעם ווי אזוי עס גייט.

זאגט דער רמב"ן (פרשת בא), א באקאנטע רמב"ן, ער זאגט: "שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכולם ניסים", אלץ איז א נס, "אין בהם טבע ומנהגו של עולם, בין ברבים בין ביחיד", נישט נאר ברבים נאר אפילו ביחיד, "אלא אם יעשה המצוות יצליחנו שכרו, ואם יעבור עליהם יכריתנו ענשו", אלץ גייט מיט א חשבון, אלץ, כל מקרינו ודברינו אין בהם טבע ומנהגו של עולם, נישט דא קיין טבע.

מען זעט דאך נישט אזוי? עס איז באהאלטן, 'אכן אתה קל מסתתר' [ישעיה מה, טו], דער אייבישטער באהאלט זיך אונטער א טבע. זעט אויס נייע, זעט נישט אויס אזוי, דארף מען גלייבן. דער רמב"ן זאגט "אין לאדם חלק בתורת משה", עס זעט נישט אויס אזוי, עס זעט נישט אויס אז אזוי איז דאס.

עס איז אמאל געווען, עפעס א רב האט זיך מתווכח געווען מיט ר' חיים וואלאזי'נער, איך ווייס נישט פונקטליך וואס די ויכוח איז ווייל ער ברענגט עס נישט צו, ער האט איבער געזאגט אויך נישט, אבער עפעס איז געווען א שאלה אין השגחה, און דער רב האט געהאלטן זיין וועג, א גרויסע מענטש געווען, זאגט ער פאר ר' חיים וואלאזי'נער, עס איז געווען א גלאז אויפן טיש: אלמלא וואס איר זאגט, אז איך וועל נעמען דעם גלאז איך וועל עס אראפווארפן אויף דער ערד איז נישט מוכרח ער זאל צוברעכן זיך. האט ר' חיים געזאגט: עס איז ניט מוכרח, עס מוז זיך נישט צוברעכן. האט ער געזאגט: איר געט מיר רשות? זאגט ער: יא. האט ער גענומען דעם גלאז און ער האט אראפ געווארפן אויף דער ערד, עס האט זיך נישט צובראכן. האט ער גענומען דעם גלאז נאך אמאל, נישט אזא גלאז אזוי ווי היינט, א גלאז אמאל פלעגט אראפ פאלן אביסעלע. האט ער געגעבן א זעץ, און עס האט זיך ווייטער נישט צובראכן. האט ער מודה געווען. ער האט עס געוויזן. מען וויזט נישט פאר יעדן. אמאל וויזט מען עס, און אמאל וויזט מען עס נישט.

אבער דאס איז די מציאות, אבער מען דארף באהאלטן. אז נישט, פאר עסן פיש מיט יאך געט מען נישט קיין שכר. מען געט יא, אז מען עסט שבת. אבער נישט דאס איז די תורה, אז עס איז א דבר פשוט? 'וצדיק באמונתו יחיה', שכר באקומט מען פאר דעם וואס מען גלייבט. אבער דאס איז די מציאות, זאגט דער רמב"ן.

אסאך מאל איז שווער מקבל צו זיין די מציאות וואס שטייט אין רמב"ן, מענטשן טוהען נישט אזוי, נישט נאר קליינע מענטשן, נאר גרויסע מענטשן אויך נישט, לכאורה, אזוי האט אויסגעקוקט. אבער אזוי לכאורה עס איז דאך דא אסאך קשיות וואס איז טאקע שווער, א מענטש איז זיך משתדל, עס שטייט 'בזעת אפיך תאכל לחם וקוץ ודרדר תצמיח לך', פארשידענע פסוקים וואס שטייט אז מענטשן דארפן טוהן פארשידענע זאכן. עס שטייט 'על שדה איש עצל עברתי ועל כרם חסר לב', זעט מען אז א עצל טויג נישט, אלץ צופאלט זיך. עס איז א נפקא מינה צו ער טוהט יא צו ער טוהט נישט? איז ער אן ערליכער איד וועט עס גיין גוט, איז ער א רשע וועט עס נישט גיין גוט, עסו וועט עס גארנישט העלפן.

דאס איז די אלע זאכן איז דאך לא מעלה ולא מוריד, איינער איז א בטלן, די גרעסטע מענטשן, א בטלן, וואס איז א נפקא מינה צו ער איז א בטלן צו נישט? מען דארף זען, דאוונט ער, ער לערנט, ער לייגט תפילין, ער גייט מיט ציצית, איז פארטיג, וואס דארף מען עפעס אנדערש?

איז דער חובת הלבבות זאגט בדרך כלל, אז דער אייבישטער האט אויף אונז מטיל געווען א חיוב פון השתדלות. דאס הייסט אונז דארפן זיך נישט פירן לויט ווי עס שטייט דא אין רמב"ן, מען דארף דאס וויסן, אבער עס איז דא זאכן וואס דער אייבישטער הייסט טוהן, עס איז א גרויסע סתירה די צווי זאכן, השתדלות מיט השגחה, איז זייער א שווערע זאך צו פארדייען אסאך מאל.

אבער עס איז דא א חיוב השתדלות. השתדלות מיינט אין אלע זאכן, א מענטש דארף זיך משתדל

זיין פאר פרנסה, א מענטש דארף זיך משתדל זיין אין רפואה, אין אנדערע זאכן, יעדע זאך וואס א מענטש דארף זיך משתדל זיין. און משתדל זיין מיינט נישט סתם, דעם בעל שם טוב'ס השתדלות איז א גרויסע מדריגה, ער האט געקלאפט אויפן טיר און פארטיג. דארף מען זיין אויף א מדריגה יוצא זיין חיוב ההשתדלות אויף דעם אופן. השתדלות מיינט, אז איינער זוכט א ארבעט זאל ער גיין פרעגן אין וועלכן פארדינט מען בעסער, און וואו צאלט מען בעסער, און ווער איז א בעסערע בעל הבית, די אלע זאכן.

עס איז תלוי אין מענטש'נס ביטחון, וויפל ער לייגט אריין, וויפל ער ... אין דעם. אבער עס איז דא אזא מין זאך ווי השתדלות. אז מען דארף א אפארעישן דארף מען זיך אינטערעסירן ווער איז א בעסערע דאקטער, ווער מאכט דאס בעסער. ממילא דאס איז זייער שווער, בשעת מען טראכט אזוי, און טראכטן אז עס איז אלץ ניסים, איז זייער א שווערע סתירה. און דאס איז די ארבעט.

נאך אלע מעשיות דארף מען וויסן אז דער אייבישטער פירט די וועלט, מיט אלעם. דער חובת הלבבות זאגט, הגם דאס איז אונזער בחירה צו שאפן השתדלות, אבער עס איז נישט אין אונזער האנט אז די השתדלות זאל געלונגען. אונז דארף מיר טוהן אונזער השתדלות. ווען א מענטש עפנט זיך א געשעפט, און ער פרעגט זיך נאך, און ער מאכט די בעסטע געשעפט, און ער קען שטיין אין געשעפט א גאנצן טאג, און עס קומט נישט אריין קיין קונה. און נאך אזעלכע זאכן. עס מוז נישט געשען.

ער קען האבן דעם בעסטן דאקטער, קען ער אויסוועלן, און עס איז גארנישט מיט נישט, ער האט געמאכט א מיסטעיק. מעשים בכל יום, דאס דארף מען נישט גלייבן, דאס זעט מען אז עס איז דא אזא סארט מציאות.

איז פשט, נאר ער דארף טוהן מצידו מאכן השתדלות, דאס איז זיין ארבעט. אבער פארשטיין דארף מען פארשטיין אז עס זאל זיין עלתה בידו צו נישט עלתה בידו, איז לגמרי נישט תלוי אין עס. פון דעסטוועגן איז דא זאכן, אויכעט שווער אז מען זאל דאס קענען ריכטיג פארשטיין, נאר מען זעט לכאורה, די אויג וייזט לכאורה, עס איז דא מענטשן וואס זענען זיך שטארק משתדל, און זענען מער מצליח צוליב דעם. עס איז נישט מוכרח, דאס ווייסט מען, דאס זעט מען מעשים בכל יום, אז עס איז דא אמאל א מענטש זאל איבערקערן, דאס איז 'לא לחכמים לחם', מען זעט אסאך מאל א מענטש א חכם, א קאנון פון א מענטש, און אלץ, און עס גייט עס נישט, ער קען

זיך שטעלן אויפן קאפ, ער פראבירט די זאך, יענע זאך, און עס גייט עס נישט.

און אמאל איז דא א מענטש א לא יוצלח, און ער טינקט אין מזל, און ער קויפט די ריכטיגע זאך, און ער מאכט די ריכטיגע זאך, און ער האלט אז ער איזק לוג צו וואס, דאס זעט מען כסדר. די וועלט זאגט "א ביסעלע מזל", מען גייט אין גאס, סוחרים, "א ביסעלע מזל". האבן א ביסעלע מזל. וואס מיינט מזל? עס גוט צו האבן אביסעלע מזל, דאס מיינט סייעתא דשמיא. עס איז דא אזא זאך ווי א מזל, אז א מענטש איז געבוירן געווארן, שטייט אז דער מלאך איז גוזר אויף עם וואס ער זאל זיין, נישט דער מלאך, דער מלאך ברענגט, און דער אייבישטער איז גוזר.

עס איז דא אזא זאך א מענטש איז מער נטוי ער זאל זיין א ארעמאן, ער איז מער נטוי זאל זיין א עושר, א חכם און א טיפש, די אלע זאכן. אבער מען זעט דאך פארט אזא מין זאך, עס איז שווער מקבל צו זיין, א מענטש וואס טוהט זיך מתעצל זיין, טוהט נישט ווי געהעריג, גייט עס נישט. א מענטש איז זיך יא מתאמץ, אמאל העלפט עס.

דאס איז דא נאך א נקודה, עס איז דא א נקודה פון בחירה. דער אייבישטער האט איבער געגעבן א מענטש א בחירה, און בחירה איז נישט נאר וואס איז נוגע צו טוב ורע ממש, דאס איז נאך נישט געלונגען, א מענטש קען האבן א בחירה, ער וויל לעבן א גוטן טאג, און עס וועט עס נישט גיין. אבער מען זעט אסאך מאל בחירה וואס ארבעט זייער שטארק. עמיצער למשל גייט דורך ביי א מקדנלס געשעפט און ער איז זייער שטארק הונגעריג, ער וועט נישט אריין גיין וועט ער בלייבן הונגעריג. און דער וואס ער גייט אריין וועט זיך אנעסן. צו אנדערע זאכן אזוי. מער דקות, עס געפעלט עם נישט די סאפער, וועט ער נישט אזוי הנאה האבן, אסאך וויניגער, און דער וואס גייט קויפן זיך א פיצה, איז זייער א געשמאקע זאך. זעט מען אז ער קען יא. וועט מען זאגן וויל ער האט בעסער געדאווענט? וועגן דעם איז ער זאטער? בפירוש נישט. עס קען זיין אז ער האט גארנישט געדאווענט אין צייט.

עס איז דא א בחירה. דער חובת הלבבות זאגט, נישט אלע מאל העלפט די בחירה, די בחירה איז נאר וואס אונז דארף מיר טוהן אונזער השתדלות, עס מוז נישט געלונגען, אבער די בחירה גייט אז עס געלונגט יא. בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו. א מענטש האט א ברירה ער וויל בלייבן ביים לערנען, קען ער בלייבן ביים לערנען. אז איינער וויל מסחר קען ער גיין אין מסחר. בחירה איז זייער א ברייטע זאך, דער אייבישטער האט

איבער געגעבן דעם מענטש. ווי שטימט דאס מיט וואס עס איז נגזר געווארן אויף עס? אויבן פארנעמט מען זייער אסאך. וועט ער טוהן אזוי איז אזוי, וועט ער טוהן אזוי איז אזוי, וועט ער טוהן אהער איז אזוי, עס קען זיין מיליאנען קאמבינאציעס וואס דער מענטש וועט בוחר זיין, און ווי אזוי מען וועט זיך מתנהג זיין מיט עס אויב ער וועט בוחר זיין אזוי, צו ער וועט בוחר זיין אזוי, צו ער וועט בוחר זיין אזוי, אויף אלעם איז דא א ...

אבער די פשט איז אז עס גייט נישט אוטומאטיש. עס איז מיט א חשבון. יעצט האט מען מחליט געווען מען לאזט עס דאס טוהן. מען לאזט עס דאס טוהט ער עס, און אז מען לאזט עס נישט ... דער רמב"ן זאגט נישט אז עס איז נישט דא אזא מין זאך, עס זעט דאך אויס דערפון, לפי דעם אויג זעט מען זייער אסאך זאכן וואס קוקט יא אויס אז א מענטש פירט ווי אזוי ער וויל פירן, רוב זאכן קוקט אזוי אויס, אבער דאס האט מען געלאזט עס טוהן. אזוי ווי עס איז דא א טבע וואס קוקט אויס א טבע, איז לאזט מען א מענטשן טוהן אסאך זאכן, עס איז א חלק וואס דער אייבישטער האט מוסר געווען די בחירה פאר א מענטש אז ער קען טוהן וואס ער וויל, אבער ער וועט נישט געווינען אין דעם, דאס דארף מען וויסן.

אמאל קען זיין ער וועט ווערן אפילו א עושר, יש עושר שמור לבעליו לרעתו. פון ר' יחזקאל לעווינשטיין איז דא עפעס א מאמר, זאגט ער אז דער חובת הלבבות איז מסביר אז עס איז דא דריי מיני עשירות, עס איז דא עשירות פון א ברכה וואס דער אייבישטער געט, און אמאל איז דא עשירות וואס איז א שטראף, דער אייבישטער געט אמאל א שטראף עשירות, יש עושר שמור לבעליו לרעתו, מען זעט ממש עשירות מענטשן, עס מאכט זיי חרוב אסאך מאל, צו ברוחניות צו בגשמיות, אסאך מאל איז דא אזא מציאות. נאכדעם, זאגט ער, איז דא א עושר וואס דער אייבישטער שיקט מנסה צו זיין דעם מענטש, עס איז א נסיון.

ר' חיים וואלאז'ינער, עפעס א פרוי האט עס אמאל געקויפט, די רעבעצן האט געקויפט א לאטערי טיקעט, האט ער מתפלל געווען אז זאל נישט געווינען. ער ווייסט נישט וואס וועט זיין. איך טוה נישט אזוי, איך זאג נאר זיין ווארט. עס איז דא א עושר וואס איז א נסיון. דער אייבישטער געט עשירות פאר א מענטש א נסיון.

א עושר ווי קען ער וויסן וואס די עשירות איז? צו עס איז א ברכה, צו נישט. זאגט ער, אויב די עשירות שטערט עם גארנישט אין עבודת ה', אדרבה עס איז נאר א סיוע, דעמאלס איז עס א ברכה פונעם אייבירשטן. אויב די עשירות שטייט עם אין וועג פון רוחניות, צו ווייל ער איז פארטיפט שטארק און ער לערנט נישט גענוג, צו ער געט זיך נישט אפ מיט די קינדער געהעריג, צו אנדערע זאכן וואס ער איז דורך דעם פעלט עם אין רוחניות, איז עס נישט קיין ברכה. אדער א נסיון, אדער א נקמה. אזוי שטייט אין חובת הלבבות.

זאגט ר' יחזקאל לעווינשטיין, קומט אויס אזוי, רוב וועלט, רוב עשירות'ן אין די וועלט, איז דאך נישט אזוי, שטערט דאך אין עבודת ה'. קומט אויס אז די ענין פון ברכה, איז דא זייער ווייניג עשירות וואס איז א ברכה. אין די וועלט יאגט זיך נאך דעם, מען יאגט זיך נאך נקמה, מען יאגט זיך נאך נסיון. דאס איז די וועלט.

איז די זאך איז, אלץ דארף מען וויסן אז די התחכמות, א מענטש איז זיך מתחכם, ווייל די וועלט איז אזוי איינגעשטעלט, אלע. הגם מען דארף וויסן ווי ווייט, עס איז דא עפעס א ווארט, מען האט מיר א מאל געוויזן דאכט זיך מיר, דאכט זיך מיר אין כתר שם טוב שטייט דאס, אז דאס וואס שטייט רשעים מלאים חרטות, אזוי שטייט אין חז"ל רשעים מלאים חרטות, מיינט נישט אז ער איז מתחרט אויף דעם וואס ער האט געטוהן עבירות, עס איז נישט קיין ... עס איז א פיינע זאך, הלואי וואלטן זיי מתחרט געווען אויף דעם, אז מען איז מתחרט קומט מען צו אז מען זאל טאקע טוהן גוט נאכדעם. רשעים מלאים חרטות מיינט ער האט אלע מאל חרטה אויף גשמיות'דיגע זאכן, ער האט אזוי געדארפט טוהן, ער האט אזוי געדארפט טוהן, ער גלייבט נישט. איז ממילא יעדע זאך וואס געלונגט עם נישט זאגט ער ער האט געדארפט טוהן אנדערש, ער האט געדארפט טוהן אזוי, ער האט געדארפט טוהן אהער. דאס איז פשט רשעים מלאים חרטות. אזוי זאגט ער פשט, אינטרעסאנט.

און דאס דארף מען נישט צו טוהן. וויסן אז מען האט געטוהן האט אזוי געדארפט זיין. עס איז עס נישט איינגעפאלן, האט מען עס פון הימל נישט געגעבן די מחשבה זאל עס איינפאלן, ער דארף זיך נישט עסן אויף דעם. ווייל עס האט געדארפט אזוי צו זיין. נאר למעשה איז אלץ ... און דא דארף מען וויסן וואס איז די עיקר.

עס איז דא א בריוו פון חזון איש, דער חזון איש זאגט אז ער איז בורח פון השתדלות, ער אנטלויפט. ער מאכט, אבער ער אנטלויפט, ווייל ער ווייסט נישט. גרויסע מענטשן. איך האב געזען עפעס א מעשה, עס איז געווען עפעס א געוויסע רב וואס האט געוואוינט אין בני ברק אדער תל אביב, ער פלעגט קומען יעדע וואך האט ער

געהאט א קביעות ער איז געקומען צום חזון איש דורך שמועסן שאלות, ער האט געהאט אסאך שאלות, דורך שמועסן פארשידענע שאלות וואס ער האט געהאט דורך די וואך, דורך רעדן זיך מיטן חזון איש. ער פלעגט עס מקרב זיין, ער פלעגט שמועסן מיט עם.

עפעס איין מאל איז ער געקומען, דארט איז געווען עפעס איינער א חולה, און ער איז געזעצן דארטן איןווארטן זאל, און ער האט געשמועסט, האט ער געזאגט אז עס איז דא אזא דאקטער מיט אזא דאקטער, מיט אזא דאקטער. שפעטער איז ער אריין געקומען צום חזון איש, צו דער חזון איש האט עס געהערט ווייזט אויס, צו ער האט עס איבער געזאגט, ער איז אריין צום חזון איש, דער חזון איש האט עם זייער קאלט אויפגענומען. ער האט געזען עפעס, איז ער צוגעשטאנען ער זאל עם זאגן מה פשעי ומה חטאתי. עס קומט א איד צו מיר, זאגט ער, און ער בעט איך זאל מתפלל זיין פאר עם, און ער טראכט וועגן אייבערשטן און ער טראכט אז דער אייבישטער פירט די וועלט, קומסטו פארדרייסטו עם א קאפ דער דאקטער יענער דאקטער, דער דאקטער, ער דארף דאס צו טוהן, אבער מאכסט מיר דא קאליע. מען דארף וויסן, אמאל צוהעלפן מאכט קאליע, עס איז שווער ווען יא און ווען נישט, אבער בכלליות דארף מען דאס וויסן.

ער זאגט א לשון, דער רמב"ן, שטייט דארטן אז יוסף איז געגאנגען, ער האט עם געשיקט 'לך נא ראה את שלום אחיך, וימצאהו איש והנה תועה בשדה, וישאלהו האיש לאמר מה תבקש, ויאמר את אחי אנכי מבקש הגידה נא לי איפה הם רועים', זענען געגאנגען קיין דותן, איז ער געגאנגען קיין דותן. פרעגט דער רמב"ן, וואס שטייט דא? די פרשה אז ער איז געגאנגען, און א מענטש האט עם געטראפן, און ער האט געזאגט זענען געגאנגען קיין דותן, וואס דערציילט עס די תורה די מעשה?

"ולהודיענו עוד" זאגט ער, "כי הגזירה אמת והחריצות שקר, כי זימן לו הקב"ה מורה דרך שלא מדעתו להביאו בידם". פארקערט, ער האט געטוהן א זאך וואס עס וואלט גארנישט ארויס געקומען, ער וואלט געגאנגען, ער וואלט צוריק געקומען, ער וואלט זיי נישט געטראפן און פארטיג. אבער עס האט דאך גאדארפט אזוי זיין, איז פונקט געשטאנען דארט א מענטש, און געפרעגט וואס דו זוכסט, און ער האט עם געזאגט, און ער איז אנגעקומען וואו ער דארף אנצוקומען. דער אייבישטער האט זיך שוין זיינע וועגן דורך צו פירן וואס ער וויל דורך פירן. החריצות שקר והגזירה אמת. חריצות מוז נישט געלונגען, א מענטש טראכט אזוי, אבער עס האט נישט מיט דעם געווענטליך. החריצות שקר והגזירה אמת. דער אייבישטער האט זיך זיינע וועגן ווי אזוי עס קומט צו.

ער טוהט א השתדלות, אלץ טראכט ער אבער מיט א חשבון. עס שטייט אז יעקב אבינו האט נישט געוואלט שיקן בנימין, פארוואס? שטייט דארטן פן יקראנו אסון בדרך, זאגט רש"י ווייל השטן מקטרג בשעת הסכנה. פארוואס זאגט דאס רש"י? אז עס איז א סכנה איז דאך א סכנה. נאר יעקב אבינו טראכט נישט אזוי, א סכנה איז א סכנה, ער דארף זיין וועט ער זיין, אבער השטן איז מקטרג בשעת הסכנה. איז פשט יעדע זאך אויב איך וועל זיך נישט געגוג משתדל זיין דא און איך וועל מיך פוילן, ווער זאגט אז איך האב א זכות, אפשר וועט מען מנכה זיין מזכיותי, עסו וועט זיין צו א גרויסע נס. מען דארף זיין א בעל מדריגה אזוי צו טראכטן, אבער פשט טוהן טוהט ער וואס מען דארף צו טוהן, נאר די טראכטן איז אן אנדערע סארט חשבון ווי א צווייטער טראכט.

ר' יחזקאל לעווינשטיין זאגט זייער א אינטערעסאנטע זאך, ער זאגט אז יעקב אבינו איז אריין געגאנגען דעמאלס, זי האט עם געשיקט, ער האט זיך אנגעטוהן די עורות פון די גדיי עיזים, ער איז טאקע געווען א סגי נהור יצחק, אבער דער רמב"ן פרעגט שוין די קשיא איך לא חשש עבור הקול, ער האט געזאגט הקול קול יעקב והידים ידי עשו, האט ער געשפירט אז די קול איז נישט ריכטיג, נאר ידיו שעירות האט ער זיך געלאזט פארנארן, עס האט געדארפט אזוי זיין ... די תרגום זאגט עלי אתאמר בנבואה, אז ער דארף האבן די ברכות. איי וואס פעלט דיר אויס די גאנצע שפיל, גיי אריין אזוי, ער דארף זיך מסתכן זיין, מען דארף טוהן אזוי ווי מען דארף צו טוהן, ממעט זיין בנס, מען דארף מאכן אן השתדלות זאל זיין בדרך השתדלות, אבער די סוף פסוק דארף מען אלץ אנקומען צום אייבערשטן נאך אלע מעשיות. אזוי דארף א מענטש טראכטן